נומער 1

דער אידישער

# שאך-זשורנאל

א מאנאטליכע צייט שריפט

... רעדאקטירט פון ...

ט. ש. יפה.

**אבאנאמענטס פרייז:**

| | אינלאנד | אויסלאנד |
|---|---|---|
| פיר איין יאהר | $1.50 | $2.00 |
| „ 6 מאנאט | 80— | 1-00 |
| איין קאפיע | 15 ס. | 20 ס. |


אדרעס
The Jewish Chess Journal Pub. Co.
111 Henry St., New York.

1906 יוני

פרייז 15 סענט

# ...אל

...אין

...[illegible] בעלעהרענדע ארטיקלען
...[illegible] פארטיען, ביאגראפיען פון
...און פראבלעמס.

...[illegible] וועלען מיטארבייטען אין
...[illegible] בערג, ה. דזשאנסא

...[illegible] ארגעבען ☜

## ...ך-זשורנאל אין דער זשארגאנישער שפּראך·


סובסקריפשאן פרייז:

יעהרליך...... 1.50

6 מאנאט..... 80

[illegible] אין [illegible] ארטיקעל [illegible]:

CH. JAFFE, Editor

111 Henry Street

NEW YORK

נ. ב. געלדער קענען געשיקט [illegible] אין מאני ארדערס [illegible] פאסט סטעמפס אבער קיינע טשעקס.


PUBLIC LIBRARY CLEVELAND, O.

## אינהאלטס פערצייכניס:


1. פארווארט, דיא הערויסגעבער
2. בעגריסונגען, פון עס. לאבקער און ט. גינזבערג
3. פראפעסאר איזאק ל. רייס, זיין לעבען אונד ווירקונג אין דער שאך-וועלט
4. חרוזים על שחוק שח-מת להרב אברהם אבן עזרא ז״ל
5. שאך און וויא מען שפיעלט עס. מש. יפה
6. שאך-ערעפנונגען, דער רעדאקטאר
7. רייס-גאמביט פארטיע פון מארשאל און פאן שעווע. מיט נאטיצען פון פיעלד און יפה.
8. דיא-שאך וועלט
9. א בריליאנטענע שאך-פארטי פון לאסקער געגען פילסבערי נאטיצען פון מ״ש. יפה
10. פראבלעם און ענד-שפיעל דעפארטמענט פון ה. דזשאנסאן

54544W

# פארווארט.

דיא מייסטע פון אונזערע אידישע שאך שפיעלער בעזיצען טאלאנט. זייא בלייבען דאך אונבעוואוסט אין דער גרויסער שאך וועלט. דאס איז הויפטזעכליך דאפיר ווייל זייא האבען ניט קיין ליטעראַרישע פעלד וואו ארויסצוברייננען זייערע מיי־נונגען, זייער קונסט, זייערע איינפעלע אין דער עפענטליכקייט.

פיעלע פון אונזערע אידישע גוטע-קעפ שאך־שפיעלער בלייבען הינטערשטעליג פון דעם מאדערנעם שאך־שפיעל, ווייל זייא וויסען ניט דיא טהעארי פון שאך. פיעל וואלטען זעהר געוואלט קענען שפיעלען שאך, זייא האבען אבער ניט דיא מעג־ליכקייט דיזעס צו ערלערנען.

דיזע און נאך פיעלע אנדערע אור־זאכען האבען אונז ארויסגעבראכט אויפן „געדאנק ארויס צו געבען א מאנאטליכע שאך זשורנאל" אין דער אידישער שפראך.

מיט דער הילפע פון פיעלע פראמי־נענטע אידישע שאך שפיעלער האפען מיר ארויס צו ברייננען אמת'ע טאלענטע אין דיא פאדערשטע רייהען, אונד נאך מעהר צו העלפען דיא אנפאנגער סיסטעמאטיש צו ענטוויקלען זייער טאלאנט.

דיא לעזער פון שאך זשורנאל וועט בעזשטעהן מייסטענס פון ערקלעהרונגען וויא אזוי צו געפינען דעם בעסטען צוג אין צייט אונד ניט צו פערלאזען זיך אימער אויפן בוך אונד שפיעלען מעכאניש.

מיר וועלען אנווענדען אלע אונזערע קרעפטען צו ענטוויקלען אין אונזערע שאך שפיעלער, דורך פראבלעמס אונד ענדגיימס, דעם געפיהל פון דאס שעהנעס אין דעם שאך שפיעל.

אין דעם שאך זשורנאל וועלען דיא לעזער אימער געפינען אלע נייעס פון דער שאך וועלט, לאקאלע אזוי ווי אלוועלטליכע.

פון צייט צו צייט וועלען מיר געבען דיא בעסטע פארטיען, וואס זיינען אמאהל געשפיעלט געווארען פון דיא וועלט בע־ריהמטע שאך שפיעלער.

ערקלעהרונגען איבער אלע ערעפנונגען, זייער אורשפרונג אונד זייער ווירקונג אויף דיא ווייטערע ענטוויקלונגען אין שאך שפיעל.

יעדע קריטיק איבער געשפיעלטע פאר־טיען וועט געגעבען ווערען אונפארטייאיש. קיינע פערזענליכע אנגריפע וועלען אונטער קיינע אומשטענדען ניט געמאכט ווערען פון דער זייטע דער רעדאקציאן וויא אויך ניט צוגעלאזען ווערען פון אונזערע מיט־ארבייטער אונד לעזער.

אונזערע קאלומס וועלען זיין שטענדיג אפען אונד פרייא פיר יעדע אנשטענדיגע קריטיק, פאר גוט געשריבענע ארטיקלען, פאר הומאר אונד וויץ וועגען שאך.

האפענדיג צו ערפיהלען אונזערע פער־שפרעכונגען עהרליך אונד ערנסט, שטענדיג שטרעבענדיג צו פערבעסערונגען, בעטען מיר אונזערע פריינדע אונד בעקאנטע, בעזאנדערס דיא לעזער אין אלגעמיין, צו העלפען אונז אין אונזער שווערע אויפגאבע. פערשפרייט דעם זשורנאל אונד ערקלעהרט אייערע בעקאנטע די נאהטווענדיקייט פון א שאך זשורנאל.

דיא ארויסגעבער.

## בעגריסונגען צום

# אידישען שאך זשורנאל.

דער גרעסטער שאך קינסטלער, דער וועלט טשעמפיאן **דר. עמאנואל לאסקער** בעגריסט דעם שאך זשורנאל.

---

**טאי דען 15-טען 1906 נויארק.**

חעררן טש. יפה

געעהרטער הערר !

**דאס היים דער יורען ווירד פרעהליכער זיין ווען איין זשורנאל איבער דאס נאצי אנאלשפיעל דער יודען דארין צו פינדען זיין ווירד. איך ווינשע דעם יודישען שאך זשורנאל גוטען ערפאלג.**

עמנואל לאסקער.

---

**דער בעריהמטער שאך—פיעלער אונד געוועזענער שאך עדיטאר פון „האכה" אונד „דער נייער גייסט" הערר מאקס גינצבערג בעגריסט דעם זשורנאל אונד פערשפרעכט זיין הילפע**

אן דיא רעדאקציאן דאס אידישע שאך זשורנאל.

ווערטהער הערר יפה.

**דיא ערשיינונג פאן א אידישען שאך זשורנאל איזט גאנץ וואס נייעס אין דער אי־דישער ליטעראטור אונד איך ווינשע דאס אלע שאך שפּעלער אונד שאך־מייכטער אנטהייל נעהמען אין איהרען אונטערנעהמונג. איך פאן מיינער זייטע ווערדע איהנען צו הילפע זיין וואס נור מעגליך. ווינשע זיא ערפאלג. אייער פריינד.**

מאקס גינצבערג.

# פראפעסאר ל. איזאאק רייס.



## זיין ראלע אונד ווירקונג אין דער שאך-וועלט.

נאך דעם טויט פון דעם געניאלכטען שאך שפיעלער פאול מוירפי. האט דיא בריליאנטענע שאך־שוהלע ניט געהאט אזא געטרייען פארשטעהער, ווי אונזער בע־ליעבטער אונד געאכטעטער פראפעסאר איזאאק ל. רייס.

אלע שאך שפיעלער וואס גיבען דיא שיינע קונסט פון שאך־שפיעל, האבען אונ־זער פראפעסאר זעהר פיעל צו פערדאנקען. דורך זיין גאמביט האט ער פאר אונז גערעטעט דיא בריליאנס אונד דיא עסטעטיק פון שאך.

אין אונזער פראקטישער וועלט, וואו דער ערפאלג ווערט געשאצט מעהר פון אלעס, וואלט דיא שאך-פאעזי פערשוואונדען געווארען. יאגענדיג זיך נאך רעזולטאטען, נאך'ן ענד־ציעל, נאך'ן געווינען האט מען געלייגט וויינינג געוויכט אויף דיא קונציגע איינפעלע, אויף דיא שעהנהייט פון דיא ציגע. דיא נייע שאך־טהעארי לעהרינט צו געווינען פראזאאיש, שטופענווייס, לאנגזאם אונד אויסגערעכענט. איינפאכע סיסטעמאטישע חשבונות, קאלטע טרוקענע מאטעמאטיק – דאס האט געזאלט ווערען דאס שאך־שפיעל.

פראפעסאר איזאאק ל. רייס האט דאס אבער גלייכגילטיג ניט געקענט צו זעהן. זיין שעהן־גייסט, זיין פאעטישע נשמה האט געגען דעם פראטעסטירט. איינער אליין איז ער געשטאנען אין פעלד אונד געקעמפפט אונד האט דעם קאמפף אויסגעקעמפפט. ער האט אנגעווענדעט זיין גרויסען איינפלוס, זיינע גרויסע פעהיגקייטען אונד גערעטעט פאר אונז דעם גלאנץ אונד דיא פראכט פון אונשטערבליכען שפיעל.

דער רייס־גאמביט דאס איז דיא בריליאנס, דיא עסטעטיק, דיא פאעזי פון שאך, אין וועלכען עס שטראהלט אונד בליצט דער גייסט פון זיין ערפינדער. אונד אונפער־געסליך וועלען בלייבען דיא דיענסטע, וואס אונזער בעליבטער געאכטעטער פראפעסאר האט געליפערט פאר אלע ליבהאבער פון דער שעהנער אונד נאבעלער שאך־קונסט.

# חרוזים על שחוק שח-מת.

להרב אברהם אבן עזרא ז"ל. *)

אשורר שיר במלחמה ערוכה,
קדומה מן ימי קדם נסוכה.
ערכוה מתי שכל ובנה
קבוה עלי טורים שמונה,
ועל כל טור וטור בהם חקוקות
עלי לוח שמונה מחלקות.

והטורים מרובעים רצופים
ושם המחנות עומדים צפופים:
מלכים נצבו עם מחניהם
להלחם, ורוח בין שניהם
פני כולם להלחם נכונים,
והמה נוסעים תמיד וחונים,
ואין שולפים במלחמתם חרבות
ומלחמתם מלאכת מחשבות.

ונכרים בסימנים ומזמות
וכפגריהם רשומות וחתומות,
ואדם יחזה אותם רגושים
ידמה כי אדומים הם וכושים
וכושים בקרב פשטו ידיהם
אדומים-יצאו אל אחריהם.

*) מיר גיבען דא איבער דיזען ברילליאנטענעם געדיכט פון דעם געניאלען אידישען דיינקער, אונד דיכטער אין דער זעלבער שפראך וויא זיא איז געשריבען געווארען, וויל מיר דיינקען אז אין א איבערזעטצונג וועט זיך פערלירען דיא געניאליטעט פון דעם פערפאסער, וויא אויך דיא קונסט פון ווארט שפיעל וואס מאכט אזוי זיסער אונד ערהאבענער פאעזי איבער פראזע
די רעדאקציאן.

והרגלים יבאו בתחלה
למלחמה לנוכח המסלה
והרגל יהי הולך לנגדו
ואת אויבו יהי נוטה ללכדו
לא ימה בעת לכת אשוריו
ולא ישים פעמיו לאחוריו
ואם ירצה ידלג בתחלה
לכל עבר שלש במסלה.

אם ירחק וינוד מזבולו
ועד טור השמיני יעלה לו
כמו פרז לכל פנים יהי שב
ומלחמתו כמלחמתו תחושב
והפרז יהי מטה פסעיו
ומסעיו לארבעת רבעיו.

והפיל בקרב הולך וקרב
והוא נצב עלי הצב כאורב
כמו פרז הליכתו אבל יש
לזה יתרון למה שהוא משלש
והסוס בקרב רגלו מאד קל
ויתהלך עלי דרך מעוקל
עקלקלות דרכיו לא סלולות
בתוך כתיב שלשה לו גבולות.

והרוח יהלוך משות בדרכו
ובשדה עלי רחבו וארכו
ודרכי ערשים הן לא יבקש
נתיבו מבלי נפתל ועקש
המלך יהלך על צדדיו
לכל רוחות, ויעזור לעבדיו.

ויזהר בעת שבתו וצאתו
להלחם: ובמקום תהנותו
ואם אויבו באיבה יעלה לו
וינער בו ויברח מגבולו
ואם הרוח באיבה יהדפהו
ומחדר לחדר ירדפהו
ויש עתים אשר יברח לפניו
ועתים יש לכתר לו המיניו.

כלם הורגים אלה לאלה
וזה את זה ברוב אמה מכלה
וגבורי שניהם, המכים
חללים מבלי דמים שפוכים
עתים יגברו כושים עליהם
וינוסו אדומים מפניהם
ועתים כי אדום יגבר וכושים ...
ומלכם בקרב הם נחלשים
המלך יהי נתפש בשחתם
בלי חמלה וילכד ברשתם
אין מנוס להנצל ומפלט
ואין מברח לעיר מצור ומקלט

ועל יד צר יהי נשפט ונשמט
ואין מציל — ולהרג יהי מת
וחילו בעדו כלם ימותון
ואת נפשם פדות נפשו ישיתון
ותפארתם כבר נסע ואינם
בשורם שכבר נגף אדונם
ויוסיפו להלחם שניה
ויש עוד להרוגיהם תחיה.

# שאך אונד וויא מען שפיעלט עס.

ווייס



שווארץ

שאך איז אנערקענט פאר דיא ערהאבענסטע אונד שכל'דינסטע שפיעל אין דער וועלט. זיא עקזיסטירט פון טויזענדער יאהרען אונד ביז יעצט האט זיך נאך קיינעם ניט איינגענעבען צו בעשטימען איהר אורשפרונג, איהר געבורטס שטאדט און דיא פערזאן וועלכע האט זיא אויף דער וועלט געבראכט.

דארום וועלען מיר גלייך צו טרעטען צו דער בעשטפענים אליין אונד זעהן וויא מען דארף זיך מיט איהר בעגעהן, אום מיר זאלען פון איהר האבען גייסטינען פערגעניגען.

דיא אידעע פון שאך איז א מין מלחמה שטרייטענדיג אין א מיניאטורנעם פאר-מאט. עס בעשטעהט טאקע פון 2 פיינדליכע ארמעען מיט קייסרים, יועצים מיט פוזיציאנע. וויינינסטענס 2 מענשען זיינען נויטהווענדיג צו פיגורירען אלס בעוועגונגס קראפט פאר דיא 2 פיינדליכע, "העלדיישע" אונבעוועגליכע ארמעען.

שאך ווערט געשפיעלט אויף א ברעט וועלכע איז צוטהיילט אויף 64 פיער עקיגע קעסטעלאך, פון וועלכע 32 זיינען געוועהנליך געפארבט שווארץ אונד 32 ווייס איינע איבער איינע. אכט פיגורען אונד 8 בויערין ווערט געברויכט אויף יעדע געגנערישע זייט. אום דער שפיעלער זאל דערקענען זיין חיל איז דער חיל אויך גע פארבט אויף שווארץ אונד ווייס, דיא נעמען פון דיא פיגורען זיינען וויא פאלגט קייזער, דאמע, לויפער, שפרינגער, טהורעם אונד בויער.

יעדער פון דיא 2 געגנער איז פערזארגט מיט איין קייסער, איין דאמע, 2 לויפער 2 שפרינגער, 2 טורעמס אונד 8 בויערן. זייא ווערען אויסגעשטעלט אין אנפאנג שפיעל אין דער ארדנונג וויא עס איז אנגעצייגט אויף פיגור נומער 1

אוועק שטעלענדיג דיא שאך-ברעט צושפיעלען מוז מען אכטונג געבען אז דיא ערשטע ווייסע קעסטעלע פון דער ערשטער רייהע זאל זיין צו דער רעכטער האנד פון עדען שפיעלער, אונד דיא דאמע זאל מען שטעלען אנפאנגס אויף א קעסטעלע פון איהר איינענעם קאליר, דאס הייסט דיא טונקעל געפארבטע דאמע אויף א טונקעל געפארבטע קעסטעל אונד דיא ווייס געפארבטע דאמע אויף א ווייסע קעסטעלע.

## דיא פיגורען, זייער קראפט אונד טהעטיגקייט.

דער קייסער קען ציהען אין אלע זייטען פאראווערטס, ריקווערטס, זייטווענס אויך אין דער קרים בלויז פון איין קעסטעלע אויף דער צווייטער, אויסער ווען מען ראכירט (ראכירען מיינט: איבער שטעלען דעם קעניג פון זיין פלאטץ אויף זיין שפרינגערס פלאטץ אונד דעם קעניגס טהורעם אויף דעם קעניגס לויפערס פלאטץ. אדער איבער שטעלען דעם קעניג פון זיין פלאטץ אויף דיא דאמעס לויפערס פלאטץ אונד דיא דא-מעס טהורעם אויף דיא דאמעס פלאטץ). ראכירען קען יעדער בלויז איין מאהל אין א פארטיע אונד נור דאן ווען מען האט מיט דעם קעניג בעפאר קיין צוג ניט געמאכט אונד בלויז מיט דעם טהורעם וועלכען מען האט נאך פון זיין פלאטץ ניט געריהרט. אזוי וויא דער ראכירען ווערט פאררעכענט פאר א צוג קאנען צווישען דעם קעניג אונד דעם טהורעם קיינע פיגורען זיך ניט געפינען אין דער צייט ווען מען דארף ראכירען. דער קעניג האט דיא פריווילעגיע וואס מען נעהמט איהם ניט ארונטער פון ברעט (מען הרג'עט איהם ניט) נור ווען עס קומט צו אזא פאזיציאן דאס סיי ער זאל בלייבען אויף דער קעסטעלע וואו ער געפינט זיך סאי ער זאל ציהען אויף אן אנדער קעסטעלע, קען איהם אלץ איינע פון דיא געגנערישע ארמעע ארונטער נעמען, דאן ווערט דיא שפיעל אויפגעגעבען אונד ערקלעהרט דיא זייט פון דעם פערפלאנטעטען קעניג אלס פערשפיעלטע. דער קעניג איז דיא איינציגע פיגור וועמעס ארונטער נעהמען דארף פאראויס געווארענט ווערען, אין דער שאך שפראך רופט זיך אנזאגען — שאך. ווען דער קעניג האט זיך שאן ניט וואו צו בעהאלטען הייסט עס — שאך מאט.

דיא דאמע קען ציהען אי גלייך אי קרום איבער דער גאנצער ברעט הין אונד צוריק, זיא בעזיצט אלזא דיא קראפט פון דעם טהורעם אונד לויפער צוזאמענגענומען. אבער דיזע קראפט קען זיא ניט בענוטצען אין איין צוג, דאס הייסט ווען זיא ציהט קרום קען זיא צו דער זעלבער צייט גלייך ניט ציהען.

דער טהורעם קען ציהען אין דיא לייננ אונד ברייט פון ברעט הין אונד צוריק אבער קיינמאל ניט אין דער קרים.

דער לויפער קען ציהען בלויז אין דער קרים הין אונד צוריק נור איבער דעם עלבען קאליר קעסטעלעך אויף וועלכען מע האט איהם אוועק געשטעלט אין אנפאנג שפיעל און דארום קען מען מיט רעכט זאגען, אז יערע פון דיא 2 נעגנערישע זייטען האבען א שווארצען און א ווייסען לויפער.

דער שפרינגער ציהט אימער אויף צוויי קעסטעלעך, איינע גלייך און דיא צווייטע אין דער קרים, ער בעזיצט אלזא די צוויי זייטינקייט פון דעם בויער אין איין און דעם לבען צוג. דער שפרינגער איז אן אויסנאהמע נעגען אלע אנדערע פיגורען דאמיט, וואס ער דארף ניט האבען קיין אבגערייניגטע וועג פאר זיך צו ציהען, ער קען גלייך אין אנפאנג שפיעל ווען אלע בויערן שטעהען נאך אויף זייערע פלעצער שוין ציהען ווערדינ אללע איבערינע פיגורען מוזעןווארטען אז די בויערן זאלען בעפאר ציהען אום ליידינ מאכען פאר זיי א וועג.

דער בויער ציהט נור גלייך פארווערטס צום שונא, ווען ער דארף אבער שלאגען דעם שונא׳ס בויער אדער פיגור דאן קען ער עס אנדערש ניט מאהן וויא אין דער קרים ער ציהט מעהר נים וויא אויף איין קעסטעלע, בלויז פון זיין ערשטען פלאטץ האט ער א רעכט צו ציהען אויף 2 קעסטעלעך מיט אמאל, דער בויער איז דער איינציגער פון אלע שאך-פיגורען וואס געהט ניט ריקווערטס, און שלאגט אנדערס וויא ער ציהט.

שלאגען א בייער אדער א פיגור אין שאך מיינט: ארונטער נעהמען דעם געשלא־גענעם פון ברעט און שטעלען זיך אויף זיין פאזיציאן.

54544W

## פערקירצונגען.

די פערקירצונגען וואס ווערען געברויכט אין שאך ליטעראטור זיינען פאלגענדע: ק. פאר קייסער, ד. פאר דאמע, ל. פאר לויפער, ש. שפרינגער. ט. פאר טהורעם, ב. פאר בויער. פ. פאר פלאץ.

אזוי וויא פון ביידע זייטען פון דעם קעניג זיינען דאך פיגורען מיט דיא זעלבע נעמען ווערען זיי דארום אנגערופען און פערקירצט וויא פאלגט: ק. ל. אדער קייסערס לויפער, ק. ש. אדער קייסערס שפרינגער, ק. ט. אדער קייסערס טהורעם, דאס זיינען די נעהמען פון דיא פיגורען וואס שטעהען אויפן קייסערס זייט. די צווייטע זייט וועלכע געפינען זיך שוין אויף דער דאמעס זייט רופט מען: ד. ל. אדער דאמעס לויפער, ד. ש. אדער דאמעס שפרינגער, ד. ט. אדער דאמעס טהורעם, אויפן זעלבען ארט רופט מען אויך די בויערן צום ביישפיעל: דער בויער וואס געפינט זיך לעבען קייסער רופט מען קייסערס בויער ק. ב. דעם בויער וואס געפינט זיך לעבען דעם קייסערס לויפער רופט מען: ק. ל. ב. קייסערס לויפערס בויער און זא ווייטער. און פון דער צווייטער זייט איז ד. ב. דאמעס בויער, ד. ל. ב. דאמעס לויפערס בויער אין זא ווייטער.

## שאך נאטאציאן.

דיא בעצייכונג פון דער שאך ברעט דורך אלגעמיין אנגענומענע צייכענס ווערט אין דער שאך ליטעראטור אנגערופען: „שאך נאטאציאן". אזוי וויא צוא ערלעהרנען א שפראך אום מען זאל קענען לעזען און שרייבען עס ריכטיג, איז נאטהווענדיג אנפאנגס צו קענען גוט דעם אלף בית, אזוי איז אויך אין דעם שאך שפיעל, אום מען זאל זיך קאנען בענוצען מיט בוך פארטיען און מיט לעהרע-ביכער, איז איהם ערשטען נאהטווענדיג איינצושטודירען גרינדליך די שאך נאטאציאן.

אויף דער גאנצער וועלט איז נור דא צווייערליי שאך נאטאציאנען. נעמליך: דיא דייטשע און דיא ענגלישע. נאך אונזער מיינונג איז דיא ענגלישע שאך נאטיציאן דיא לייכטעסטע און דאריבער נעהמען מיר זיא אן אין אונזער זשורנאל. וויא דער לעזער זעהט עס אויף דיזער פיגור.

### דיאגראם 2



וויא דער לעזער זעהט אויף דיזער פיגור זיינען דיא קעסטעלעך בעצייכענט ארויף אין א־אפ, דאס הייסט פאר יעדע פון די צוויי גגנ:ערישע זייטען איין בעזונדערע נאטאציאן, יעצט גלויבען מיר אז דער לעזער וועט שוין פערשטעהן ווען מיר וועלען ריידען ווענען א צוג פאר א פיגור פון די ווייסע און מיר וועלען זאגען: דאמעס לויפער צו דאמעס_2 ארער פערקירצטערהייט; ד. ל. צוא ד. 2 מיינט עס אז דער לויפער וואס שטעהט לעבען דער דאמע ציהט בלויז אויף איין קעסטעלע אין דער קרים צו דער רעכטער

זייט, און ווען מיר זאגען ד. ל. צוא ד. ש. 2 דאמעס קויפער צו דאמעס שפרינגער 2 הייסט עס אז דער לויפער וואס שטעהט ביי דער דאמע ציהט בלויז אויף איין קעסטעלע אין דער קרים צו דער לינקער זייט, אבער מען מוז געדענקען אז מיט דעם ציפער 2 מיינט מען די צווייטע קעסטעלע פון דעם זייט וואו די ווייסע פיגורען זיינען צושטעלט, פאר דיא שווארצע פיגורען אבער רופט זיך די זעלבע קעסטעלע די זיבעטע, צום ביישפיעל ווען דעם שווארצען קעניגס לויפער נעפינט זיך אויף דעם שווארצען קעניגס טהורעם 3 און איך וויל זאגען אז ער זאל ציהען אויף דעם ווייסען קעניגס 2 זאג איך דאן קייסערס לויפער פון טהורעם דריי צוא דאמעס זיבען, אדער פערקירצט ק. ל. פון ט. 3 צו ד. 7. מיט איין ווארט ווען מען דארף בעצייכענען א צוג פאר דיא ווייסע פיגורען הייבט מען אן רעכענען פון דעם זייט וואו דיא ווייסע פיגורען שטעהען. אין אנפאנגשפיעל, און פאר דיא שווארצע, וואו דיא שווארצע שטעהען פון אנפאנג שפיעל.

# איבונגען.

ווייל די נאטאציאן איז דער פונדאמענט, דאס לעבען פון דער אידישער שאך ליטעראטור, ראטהען מיר אונזערע לעזער צו פראקטיצירען אונזער נאטאציאן אף פאלגענדען ארט. צו שטעלט א שאך ברעט מיט פיגורען, די ווייסע פיגורען שטעלט צו אייך, (אף אזא ארט ווען איהר האט צו שפיעלען ווייס). די שווארצע שטעלט נעגען אייך ריכטיג אף זייערע פלעצער אנצופאנגען א פארטיע און מאכט מיט ווייס דעם 1שטען צוג ב—ק4 בויער קעניג 4 דייטליכער: דער בויער וואס שטעהט אף קעניגס 2 זאל ציהען 2 קעסטעלעך פארווערטס וועט ער דאן שטיין אף קעניגס 4 אדער 4 קעסטעלעך פון קעניגס פלאץ. יעצט שווארץ 1שטער צוג ב ק3 דער בויער פון קעניג ציהט 1 קעסטעלע, און ער קומט אויפ'ן שווארצען קעניגס 3. (ווען שווארץ ציהט ב ק3, אנאנטווארט אף ווייס ב ק4 רופט זיך די פארטיע, „פראנצויזישע") 2. ווייס ב ד4 בויער פון דער דאמע ציהט 2 קעסטעלעך קומט ער אף דאמע 4. 3. שווארץ ב ד4, דער שווארצער דאמעס בויער ציהט 2 קעסטעלעך, און קומט אף דאמע 4. ווייס ש דל3 ד"ה דער דאמעס שפרינגער וואס נעפינט זיך אף זיין פלאטץ ציהט אויף דער דריטער קעסטעלע פון דאמעס לויפער. 4, שווארץ ש קל3 ד"ה דער שפרינגער פון שווארץ וואס געפינט זיך אף קעניגס שפרינגערס פלאטץ ציהט אף קעניגס לויפערס דריי. 5. ווייס ל קש5 ד"ה דער לויפער פון דאמעס לויפערס פלאטץ ציהט אף קעניגס שפרינגער 5. די 5טע קעסטעלע פון פלאטץ וואו דער קעניגס שפרינגער שטעהט אם אנפאנג שפיעל.

5. שווארץ ל ק2 דער לויפער ציהט פון זיין פלאץ אף קעניגס צווי. 6. ווייס ב—ק5 בויער וואס שטייט אף קעניגס 4 ציהט 1 קעסטעלע ד"ה אף קעניגס 5. שווארץ 6 קש—ד2 ד"ה דער שפרינגער וואס שטייט אף קעניגס לויפערס 3, ציהט אף דאמע 2 ווייס 7. ל. נ. ל. ד"ה לויפער נעמט לויפער שווארץ 7. ד. נ. ל. דאמע נעמט לויפער.

פראקטיציערענדיג אונזער נאטאציאן וועט דער לעזער אויך לעהרנען 7 די בעסטע ציגע פאר ווייס אונ׳ר שווארץ פון דער פראנצויזישער פארטהיידיקונג, און וועט עס אויך קענען אנווענדען אין פראקטישען שפיעל.

איבער דיא טעכנישע טערמינען וואס ווערען געברויכט אין שאך שפיעל, די דינים און נאך פיעלע קלייניקייטען וועלען מיר געבען אין דעם נעקסטען נומער אונטער דעם זעלבען טיטול, דערווייל בעטען מיר אונזערע לעזער און לעזערין גוט איינצושטודירען דיא שאך נאטאציאן, אויב יעמאנד האט עטוואס צו פרעגען זאל ער עס אונז גלייך צוא שיקען און מיר וועלען עס אין נעקסטען נומער פערענטפערין

ט ש׳ י פ ה.

---

# שאך ערטפענונגען.

## קעניגס גאמביט.

פיעלע שאך שפיעלער ווען זיי שפיעלען מיט שווארץ שרעקען זיך זעהער פאר איי קעניגס גאמביט, ניט וויסענדיג די ריכטיגע פערטהיידיגונג קריגען זיי נאך די ערשטע עטליכע ציגע איין שלעכטע שטעלונג און פערלירען זעהר אפט ביי אן עטוואס בעסערן שפיעלער, זאגאר ווען זיי קריגען א טהורעם פאר

נאך דער מאדערנער שאך טהעארי, איז דער קעניגס גאמביט א פארלארענע ערעפענונג פאר ווייס, אין אונזער שאך זשורנאל וועלען מיר דארום אין א סעריע ארטיקלען אנצייגען די ריכטיגע פערטהייטיגונגס ציגע פאר שווארץ, אין פערשיעדענע וואריאציאנען.

### וואריאציאן 1.

ווייס 1) ב — ק4 שווארץ 1) ב — ק4. ווייס 2) ב — קל4 מיט דיעזען צוג פאנגט זיך אן דער קעניגס גאמביט, שווארץ דארף ענטפערן מיט ב.נ.ב. ווייל ווייס קען דעם בויער מיט א גוטער שטעלונג ניט צוריק קריגען. ווייס האט יעצט אן אויסוואהל פון פאלגענדע 2 גוטע ציגע; ל—ל4. אדער ש—קל3. דער ערשטער צוג איז פיעל בעסער, ווייל וויינגסטענס קריגט ער זיין בויער צוריק, אבער שווארץ האט פיעל א בעסערע שטעלונג שווארץ 3) ד—קט5 שאך, איז דער בעסטער צוג, ווייל ווייס פערלירט די מעגליכקייט צו ראבירען און דער קעניגס טהורם בלייבט פארלויפיג פערשפארט. ווייס 4) ק—לפ. שווארץ 4) ב—ד4 אמבעסטען. אום שנעל צו ענטוויקלען די פיגורען איז יעצט די בעסטע ציט אבצוגעבען דעם בויער. ווייס 5) ל נ ב. שווארץ 5) ב קש4. איז בעסער איידער

ש ק ל 3. ווייל עס ניט דעם קעניגס לויפער די פרייע פעלד פון ק ש 2 און דעם געגנערס לויפער מוז דערווייליגע בלייבען פערשפארט. ווייס 6) ש ק ל 3 שווארץ 6) ד ט 4. ווען ווייס זעצט פארט די אטאקע: 7) ב ס ט 4. קומט שווארץ 7) ב ק ט 3. ווייס 8) ק ש. פ. שווארץ 8) ל ש 2. ווייס 9) ב ד 4. שווארץ 9) ב ק ש 5. יעצט איז וואו ווייס זאל ניט ציהען מיט דעם שפרינגער קריגט שווארץ די בעסערע שטעלונג און פאלגליך א געוואונענע פארטיע,

## וואריאציאן 2.

ווייס 1) ב ס 4. שווארץ 1) ב ק 4. ווייס 2) ב ק ל 4. שווארץ 2) ב נ ב. ווייס 3) ש ק ל 3. שווארץ 3) ב ק ש 4 דאמיט פערטהייטיגט שווארץ דעם בויער וויא אויך פערשפארט עס דעם דאמעס לויפער פון ווייס. ווייס 4) ל—ג 4 בעסער וויא ב ק ט 4 ווייל די אזוי אויך שוואכע פאזיציאן פון ווייס קעניגס פליגעל וואלט דאדורך נאך פיעל שוואכער געווארען, שווארץ 4) ל ש 2, אן אויסגעצייכענטער פלאץ פאר דעם לויפער, ווייל ער לאזט ניט קומען דעם געגנערס שפרינגער אויף קעניג 5. און אין דער זעלבער צייט שיצט ער זיין טהורעם. שווארץ זאל דעם שפרינגער דורך ב ש 5 ניט אטאקירען. ווילע ווייס קען אפפערין דעם שפרינגער און קריגען דאדורך א געוואונענע פארטיע, ווייס 5) ב ד 4, שווארץ 5) ב—ד 3. ווייס 6) ש ד ל 3. שווארץ 6) ב ק ט 3 נאטהווענדיג, אום דעם קעניגס שפרינגער אין שפיעל צו ברייננען. ווייס 7) ראכירט, שווארץ 7) ש—ק ל 3. מאנכע שפיעלער מאכען דא א פעהלער און ברייננען דעם שפרינגער אויף קעניג 2 דאס גיט אבער ווייס א געלעגענהייט ביין 8טען צוג צו אטאקירען דורך ב ק ש 3. און אזוי וויא שווארץ ווערט שוין געצוואונגען צו שפיעלען 8) ב ש 5 קען ווייס שפיעלען 9) ל נ ב און אפפערין דעם שפרינגער מיט א גוטען ערפאלג. אבער ווען שווארץ 7) שפיעלט ש—ק ל 3 בלייבט שווארץ מיט א בויער מעהר און א גוטע פאזיציאן. ווייס פיגורען זיינען אפילו אביסעל בעסער ענטוויקעלט, אבער ניט גענוג צוא דעקען דעם פערלארענעם בויער און דיא שוואכע פאזיציאן פון דאמעס לויפער.

אין די נעקסטע נומערען וועלען מיר געבען איינינע פארטיען, וואס זיינען געשפיעלט געווארען מיט הערזעלבער טאקטיק אויך וועלען מיר אנאליזירען נאך פערשיעדענע וואריאציאנען.

רער רעדאקטאר.

## פאלגענדע אינטערעסאנטע פארטיע איז געשפיעלט געווארען אין מאנטע קארלא אויף א רייס־גאמביט טורניער.

| הערר מארשאל ווייס | הערר פאן שעווע שווארץ |
| --- | --- |
| 1. ב—ק 4 | 1. ב—ק 4 |
| 2. ב—ק כ4 | 2. ב. נ. ב |
| 3. ש—ק כ3 | 3. ב—ק ש4 |
| 4. ב—ק ט4 | 4. ב—ש5 |
| 5. ש—ק5 | 5. ש—ק כ3 |
| 6. ל—ל4 | 6. ב—ד4 |
| 7. ב. נ. ב | 7. ל—ד8 |
| 8. ראכירט | |

פון ריעזען צוג פאנגט זיך אן ווער רייס־גאמביט ראמיט וואס ער אפגערט דעם שפרינגער יפה.

| | |
| --- | --- |
| | ל. נ. ש. |
| 9. ט—ק פ | 9. ד—ק2 |
| 10. ב—ל 3 | 10. ב—כ6 |
| 11. ב—ד4 | 11. ש—ק5 |
| 12. ט. נ. ש | 12. ל—ט7 שאך |
| 13. ק. נ. ל | 13. ד. נ. ט |
| 14. ב—קש3 | 14. ראכירט |

ארויסגעווארפען זיך אויף דעם פיינדס באיאנעטע. בעסער איז ל—כ4. יפה.

| | |
| --- | --- |
| 15. ל—ד3 | 15. ד. נ. ב |
| 16. ב—ל4 | 16. ד—ק כ4 |

דאמע אויף דאמעס פלאץ שיינט צו זיין בעסער. פיעלר.

| | |
| --- | --- |
| 17. ש—ל3 | 17. ב—ד ל3 |

איז צו שוואך בעסער וואלט געוועזן ל—ק3 אום נעקסט ש—ו2 צו שפיע־לען, און ווען ווייס מאכט דעם צוג ב—ד5 קומט שווארץ ל—כ4 פיעלד.

| | |
| --- | --- |
| 18. ש—ק4 | 18. ב—ק כ4 |
| 19. ש—ד6 | 19 ב—ל5 |

א געוואגטע אטאקע, האבענדיג אין זינען צו שפיעלען ב—ל7, אבער נים ווייט גענוג בארעכינט מארשאל זעהט ווייטער. פיעלד.

20. ד—ק. פ. דער איינציגער צוג אבער שטארק גענוג פיעלד

| | |
| --- | --- |
| | 20. ב. נ. ב שאך |
| 21. ד. נ. ב | 21. ש—ד 2 |
| 22. ל—ש5 | 22. ב—כ7. |

23. ל—כ5 דער געווין־צוג שווארץ פערלירט זיין איינציגע פעסטונג, דעם פרייען בויער אין דער צייט, ווען זיינע פיגורען זיינען מאכטלאז פיעלר

| | |
| --- | --- |
| | 23. ש—ש3 |
| 24. ש. נ. ל. | 24. ד. ט. נ. ש |
| 25. ל—ק6 שאך | 25. ט—כ2 |
| 26. ט—ק ל. פ. | 26. ט—ק. פ. |
| 27. ל. נ. ט שאך | 27. ד. נ. ל |
| 28. ד. נ. ש. ב. | 28. ד—ש3 |
| 29. ט. נ. ב. | 29. ש. נ. ב. |
| 30. ב- ט5 | 30. ט—ק5 |
| 31. ל—ט6 | |

בריליאנט, די דאמע איז דאבעל אטאקירט און שווארץ קאן די פארטיע נים מעהר רעטען פיעלד.

31. ניט אויף.

# די שאך וועלט.

## מאקס יוד טויט.

### דער בעריהמטער שאך שפּיעלער שטארבט פּלוצלונג אין סט. לואיס אין עלטער פון 54 יאהר.

חבל על דאבדן דלא משתכחן.

דעם 7 טען מאי 1906 האט אונז דער טעלעגראף געבראכט פון סט. לואיס די טרויעריגע נאכריכט, אז דער וועלט בעריהמטער שאך שפּיעלער מאקס יוד איז געשטארבען אין זיין צימער אין דעם מאנטיסעלא האטעל, פון א הארץ שלאג.

מאקס יוד איז געבארען געווארען אין א קליין שטעטיל נים וויט פון קראקוי אין דעם יאהר 1852 אונד מיט 12 יאהר שפּעטער איז ער אריבער געקומען אין אמעריקא אונד האט זיך באזעצט אין קליוולאנד אהיא. שפּעטער איז ער אריבער נאך סט. לואיס.

ער האט אנגעהאלטען די משעמפּיאנשיפּ פון אהיא, כמעט ביז דעם יאהר 1891 אין 1871 האט ער אין א וועלט טורניער געוואונען דעם פערטען פּרייז. מיט דריי יאהר שפּעטער האט ער אין אזא טורניער אין שיקאגא גענומען דעם דריטען פּרייז. אין 1874 האט ער אין פילאדעלפיא געוואונען דעם 2טען פּרייז און אין יאהר 1880 נעמט ער אין ניויארק דעם פינפטען פּרייז. אין וועסטמינסטער האט ער געוואונען אין 1876 געגען אלבעראני, ביי האדזשעס אין 1887 און ביי שוואלטער, אין 1890.

אין דעם לעצטען סט. לואיסער נאציאלען מייסטער טורניער האט ער געוואונען דעם צווייטען פּרייז.

— אזוי וויא יוד איז זעהר יונג געקומען נאך די פּעראייניגטע שטאאטען האט מען איהם גערעכענט צווישען די אמעריקאנער שאך־שפּיעלער אבער בעריהמט איז ער געווען מיט זיין שאך שפּיעל אויף דער גאנצער וועלט.

אויסער גוטען שאכמאטיסט האט מען איהם אויך גערעכענט פאר א קלוגען שטאאטסמאן, ער איז געווען געזאנדעטער אין וויען אונטער קליוולאנדס אדמיניסטראציאן.

מיר שיקען אונזער הערצליכסטע בעדויערונג צו דער וויטווע פון אונזער פערשטארבענעם פריינד.

## א גלענצענדער זיעג פאר „פאול מוירפי שאך קלאב."

ערשט 2 יאהר איז פאראיבער פון דער צייט, וואס דער באסטאנער שאך-טשעמ־פיאן הערר א' ס. זוסמאן האט ארגאניזירט די אידישע שאך שפיעלער אונטער דעם נאמען, "פאויל מוירפי שאך קלאב." און מערקווירדיג, צום ערשטען מאהל שפיעלען האבען זיי מיט איהר צוריק בעזיענט אלע באסטאנער שאך־קלאבס, קעמפפענדיג פאר די טשעמפיאנשיפ פון ניו ענגלאנד סטייט. אויך דיזען יאהר בעזיעגען זיי אזעלכע שטארקע טיעמס. וויא האווארד, יוניאן דשאמייקא-פליין, דאטשעסטער, מיטראלאניע, און שאך טיעם. דער קלאב האט זעהר פיעל צו פערדאנקען איהר זיעג הערען א מ' זוסמאן, וואס האט שפיעלענדיג פארין קלאב, ניט פערלארען קיין פארטיע און דורך זיין בעסטען סקאר האט ער געוואונען, די אינדיווידועלע טשעמפיאנשיפ פון ניו ענגלאנד. אויך הערר קליין האט געוואונען א גרויסע צאהל גיימס פאר פאול מוירפי שאך קלוב. הערר קליין איז נאך א יונגער אבער זעהר א טאלאנטפאלער שפיעלער, אין נעקסטען נומ' וועלען מיר געבען אונזערע לעזער א פארטיע מיט נאמיצען פון הערען קליין, וואס צייגט זיין טאלענט און זיינע איינפעלע אין שאך־שפיעל.

## אינטערנאציאנאלער מאסטער טורניער.

אין אסט ענד (קורסאאל) וועט דיעזען יאהר געשפיעלט ווערען אן אינטערנאצי־אנאלער שאך־טורניער אונטער די מענעדזשמענט פון הערין איזידאר גינזבורג.

28 ערשטע קלאסע שפיעלער וועלען אין טורניער אנטהייל נעמען, די פרייזען זיינען 15000 פראנק און א גאלדערנער מעדאל. צוטהיילט וועט עס ווערען אויף פאלגענדען ארט.

צוערשט וועט געשפיעלט ווערען פון 2 אבטהייכונגען צו 14 אין יעדע אבטהייכונג. דיא 5 פון יעדע אבטהיילונג, וואס וועלען אם וויינינגסטען געווינען וועלען זיך צוזאמען טהיילען מיט דעם פרייז פון 2,000 פראנק.

די 9 בעסערע שפיעלער פון איין אבטהיילונג וועלען דאן דארפען שפיעלען צו איין פארטיע יעדער מיט די 9 בעסערע שפיעלער פון דער צווייטער אבטהייכונג, דאס הייסט 9 פארטיען. פון זיי וועלען די 4 בעסטע שפיעלער ארויס געהן און די פערבליבענע 14 וועלען זיך טהיילען מיט דעם פרייז פון 4.000 פראנק.

די בעסטע 4 וועלען צווישען זיך דארפען שפיעלען 6 פארטיען. איז דער וואס וועט די מייסטע פארטיען געווינען וועט בעקומען דעם ערשטען פרייז 4000 פראנק און דעם גאלדענעם מעדאל, דער צווייטער בעקומט דעם 2טען פרייז 2500 פראנק. דער דריטער 1,500 פראנק און דער פערטער 1000 פראנק.

## וועט-קאמפף פאר די וועלט טשעמפיאנשיפ



נעזא מאראטצי.



עמנואל לאסקער.

דעם 6 אפריל דיעזען יאהר איז אין רייס שאך קלוב ארגאנזשירט געווארען א וועט קאמפף פאר דער טשעמפיאנשיפ פון דער וועלט צווישען דעם יעצטיגען וועלט טשעמפיאן ד״ר. עמנואל לאסקער אין דעם וועלט בעריהמטען אונגארישען שאך שפיעלער הערר נעזא מאראטצי אויף פאלגענדע בעדינגונגען:

1. ביז דעם ערשטען יוני זאל יעדער צד איינלייגען $500 אלס ערבות אז זיי וועלע קיין ח״טה ניט האבען 2, די גאנצע סוממע זאל בעשטיין פון $2000. 3. דער געווינער פון די ערשטע 8 פארטיען קריגט די $2000 און דעם טיטול „דער וועלט טשעמפיאן 4. רעמיס ווערען ניט גערעכענט. 5. אנפאנגען צו שפיעלען זאלען זיי דעם 15 אקטאבער. 6. צייט—15 ציגע א שטונדע. 7, די פארטיען זאלען געשפיעלט ווערען אין פאלגענדע פלעצער; אייראפא דריי געווין־פארטיען, האוואנא 2. און 3 אין רייס שאך קלוב ניויארק.

אלס רעפעריס זיינען בעשטימט געווארען: פראפעססאר איזאאק ל. רייס — אויס ניויארס. רזש. פאניש—האוואנא, א. מארטינעז—פרעזידענט פון מאנהעטטען שאך קלוב נויארק. באראן ראדטשילד און הערר טרעביטש—אויס וויען.

## פאלגענדע שאך פארטיע איז געשפּיעלט געווארען אין כמ. פּעטערס-בורג פון דר. עמנואל לאסקער און הערן פילסבורי.

אבגעלעהנטעס דאמען גאמביט.

| פילסבורי | לאסקער |
|---|---|
| ווייס | שווארץ |
| 1. ב—ד4 | 1. ב—ד4 |
| 2. ב—ל4 | 2. ב—ק3 |
| 3. ש—דל3 | 3. ש—קל3 |
| 4. ש—קל3 | 4. ב—ל4 |

דער צוג איז בעסאר געשפּיעלט געווארען פון שטייניץ, אבער דיא אלגעמיין אנגענומענע פערטהיידיקונג 4. ב—ל3 שיינט צו זיין בעסער

| | |
|---|---|
| 5. ל—ש5 | 5.לכ.נעמט. דב. |
| 6. ד. נעמט. ב | 6. ש—ל3 |

7. ד—ט4. אנשטאט דיעזען צוג שפּיעלט פילסבורי נעגען דר. לאסקער מיט 10 יאהר שפּעטער אין קעמברידזש ספּרינג, 7. ל. נ. ש. און קריגט א געוואונענע פּארטיע וואס שווארץ זאל נאכהער ניט שפּיעלען, ווען שווארץ בייט אפּ דאמען געווינט ווייס אטוויינגסטענס א בויער, און ווען שווארץ שפּיעלט, ב. נ. ל. קריגט ער א שלעכטע שטעלונג

| | |
|---|---|
| | 7. ל—ק2 |
| 8. ראכירט | 8. ד—ט4 |
| 9. ב—ק3 | 9. ל—ד2 |
| 10. ק—ש פּ. | 10. ב— קט3 |
| 11. ב. נ. ב | 11. ב. נ. ב |

12. ש—ק4. בעסער איז ל—ד3. צוא פערהינדערין שווארץ פון ראכירען אויף דעם קעניגס זייט, דורך אפּפּערען דעם לויפער פאר 2 בויערן, וואס דאן ווערט די אטאקע געפעהרליך.

| | |
|---|---|
| | 12. ראכירט ק. ז. |
| 13. ל. נ. ש | 13. ל. נ. ל |
| 14. ד—ט5 | 14. ש. נ. ש. |
| 15. ב. נ. ש | 15. ל—ק3 |
| 16. ב—ל4 | 16. דט—לפּ! |

א ווייט בערעכענטער צוג! דאמיט פרעסט שווארץ די אטאקע אויף זיין געגנערס שוואכע קעניגס פּאזיציאן און שפּיעלט אויף מאט—און נור אויף מאט.

| | |
|---|---|
| 17. ב—ל5 | 17. ט. נ, ש |
| 18. ב. נ. ל | 18. ט—דט6 |

בריליאנט!!! שווארץ צווינגט ווייס צו נעהמען דעם טהורעם, און די פּארטיע איז פאר ווייס רעטונגסלאז פארלארען.

| | |
|---|---|
| 19. ב. נ. ב שאך | 19. ט. נ. ב |
| 20. ב. נ. ט | 20. ד—ש3 שאך |

21. ל—ש5 געצוואונגען אום צו אנהאלטען עטוואס לייננער מוז ער בעפרייען דעם פערשפּארטען טהורעם דורך אפּפּערן דעם לויפער.

| | |
|---|---|
| | 21. ד. נ. ל, שאך |
| 22. ק—טפּ | 22. ט—ל2 |

23. ט—ד2. דער איינציגער צוג. ווייל שווארץ דראהעט דורך ט—ל8 שאך. און מאט אין 3 צוגע,

| | |
|---|---|
| | 23. ט—ל5 |
| 24. קט—דפּ. | 24. ט—ל6 |
| 25. דל5 | 25. ד—ל5 |
| 26. ק—ש2 | 26. ט. נ. ב |

דער אנפאנג פון סוף! און דער שלום פון א בריליאנטענער קאמבינאציאן.

| | |
|---|---|
| 27. ד—ק6 שאך | 27. ק—ט2 |

28. ק. נ. ט און שווארץ אנאנסירט מאט אין 5 צוגע. וויא פאלגט:

| | |
|---|---|
| | 28. ד—ל6 שאך |
| 29. ק—ט4 | 29. ב—ש4 שאך |
| 30. ק. נ. ב | 30. ד—ל5 שאך |
| 31. ק—ט5 | 31. ל—דפּ שאך |
| 32. ד—ש6 | 32. ל. אר ב. נ. ד מאט. |

# פראבלעם און ענד-שפיעל דעפארטמענט

**פראבלעם נום. I ביי דר. ס. גאלד**

ספעציעל פאר׳ אידישעי שאך-זשורנאל

שווארץ



ווייס

ווייס ציהט און זעצט אין 2 צינע מאט.

**פראבלעם נום. II ביי וו. קוק**

ספעציעל פארן אידישען שאך-זשורנאל

שווארץ



ווייס

ווייס ציהט און זעצט אין 3 צינע מאט

מיר בעטען אונזערע לעזער אז אלע בריעף און קארעספאנדענציעס וועגען "פראבלעם און ענד-שפיעלע" אויפלעזונגען זאלען געשריבען ווערין אף איין זייט פאפיר, מיט טינט און זאלען ענהאלטען דעם נאמען און אדרעס פון שרייבער. דיא בריעף קענען זיי געשריבען אין זשארגאן, רוסיש, דייטש, אדער ענגליש

אדרעסירט דיא בריעף צו:

Prob. Ed. Jewish Chess Journal

**111 HENRY STREET,**

**NEW YORK.**

נ. ב. ווען אונזערע לעזער האבעי איינענע פערפאסטע שעהנע פראבלעמס אדער ענד-שפיעלע זאלען זיי דאס אונז צו שיקען מיר וועלין דיא גוטע, מיט דאנק דרוקען.

***H. Janson, Prob. Ed.***

# פראבלעם און ענד-שפיעל דעפארטמענט

## פראבלעם נומ. III ביי דר. ש. א. בלאן

ספעציעל פארן אידישען שאך-זשורנאל

שווארץ



ווייס

ווייס ציהט און זעצט אין 3 ציגע מאט.

## ענד-פארטיע נומ. I.

ה. טויבענהויז

שווארץ



ווייס

טש. יפה

ווייס ציהט און זעצט אין 6 ציגע מאט.

"יעדער אנפאנג איז שווער" זאגט און אלטער שפריך-ווארט. דארום וועלען אונז דיא ווערטהע לעזער ענטשולדיגען פאר דיא פעהלערן אין אלגעמיין און דרוק פעהלערן אין בעזאנדערס. מיר וועלין נית פערשפרעכין אויף ווייטער א זשורנאל דורכאויס אהנע פעהלערין, וייל דאס איז א זאך דער אונמעג-ליכקייט. אבער מיר האפען אין דער צוקונפט צו לעהרנען פון דער פערגאנגענהייט און געבען פאר אונזערע לעזער א שעהן-געדרוקטען, גוט אויסגישטאטעטע און אינטערע-סאנטען שאך-זשורנאל

## פעהלער פערבעסערונגען:

געשריבען—לעזט

זייטע 4 צייל 4 קבוה—קבועה

— 5 — 22 כתיב......בתים

— 5 — 25 ערשים...עקשים

— 7 — 8 שטרייטענדיג —— שטראטעגיק

Every Chessplayer ought to subscribe to

☞ LASKER CHESS MAGAZINE

which is edited by players of talent

ITS PRICE IS 1 DOLLAR FOR 4 MONTHS

IT APPEARS ONCE A MONTH

and the excellence of its work in all branches of Chess is acknowledged...

**Laskers Chess Magazine**
116 Nassau Street New York.

---

# American Chess Bulletin.

A Monthly Record .....of all News..... and Games of National and International ....Importance....

Edited and Published by
**HARTWIC CASSEL and HERMANN HELMS.**
BUSINESS ADDRESS: Tryon Row P. O. Box 1207 New York City
Subscription, $2.00 pea Year. Single Copy 20c.

---

שאך שפיעלער וואס וויהלען פערברייננען אננענעהמע שטונדע זאלען קומען אין

## קאסמאפאליטאן קאפפע

ווייל דארטען געפינט איהר אימער די׳א בעסטע שאך שפיעלער פון ניו יארק

אונזער ש א ך קל א ב האבען מיר פראכטפאל א ין געפיססט מיט נייע טישען און רעארגאניזירט דורך דיא מענעדזשמענט פון בעריהמטען שאך שפיעלער ה ע ר ר ע ל. א י י ז ע נ ב ע ר ג.

פאר 1 דאללער א קווארטאל קענט איהר בעלאנגען צו איינעם פון די׳א בעסטע און עלטסטע שאך קלאבס פון ניו יארק און זיין א מיטגליד צווישען אונזערע גייסטרייכע שפיעלער.

**COSMOPOLITAN COFFEE,**
1½ 2nd AVENUE, NEW YORK